בס"ד **שבת מברכים כסלו | ר"ח יום ראשון ושני | המולד ליל ראשון 4:49 | 15 חלק'**

**שבת מברכים**

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**תולדות**

**כ"ט חשון תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:16 |
| ר"ת | 5:52 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:06 | סוז"ת א' | 9:13 |
| סוזק"ש ב' | 8:51 | סוז"ת ב' | 9:43 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קי"א

שנה ג'

## טיב המערכת

### הַאַתָּה זֶה בְּנִי

א איד א ירא שמים איז געפארן אויפן עראפלאן, און ווי דער שטייגער פון ערליכע אידן האט ער שוין פון פאראויס באשטעלט כשר'ע עסן, און ווירקליך ווען מען האט געטיילט די עסן פאר אלע רייזנדע אויפן פליגער, האט דער איד באקומען די ספעציעלע עסן, 'גלאט כשר', פונקט אזוי ווי ער האט באשטעלט. געציילטע סעקונדעס שפעטער האט ער געדארפט ארויסגיין אין בית הכסא, איז ער אראפגעגאנגען פון זיין פלאץ, און צוריקגעקומען עטליכע מינוט שפעטער. ער האט דעמאלטס באמערקט אז זיין פארציע איז נישט פארמאכט 'חותם בתוך חותם', מיט א טאפלטן זיגל אזוי ווי די הלכה פארלאנגט, און ער האט געטראכט אז ווי עס זעט אויס האט ער אנגעהויבן עפענען זיין פארציע איידער ער איז ארויסגעגאנגען. ער האט זיך אבער גלייך געכאפט אז דאס איז דאך 'בשר שנתעלם מן העין' און מען טאר דאס נישט עסן. ער האט דעריבער דערווייטערט די פארציע פון זיך און האט עס מער נישט אנגערירט.

נעבן אים איז געזעצן א גוי, וועלכער האט נאכגעפאלגט זיינע באוועגונגען דורכאויס די גאנצע צייט, און ווען דער גוי האט געזען אז דער איד עסט נישט, האט ער אים געפרעגט: פארוואס עסטו נישט, דו ביסט דאך הונגעריג? דער איד האט אים נישט געוואלט באליידיגן, און האט אים איידעלערהייט ערקלערט, אז אין אונזער תורה איז דא א הלכה וואס אסר'ט אונז פון עסן פלייש וואס איז פארהוילן געווארן פונעם אויג. און ער האט אויסגעפירט, אז עס איז נישט אז ער איז חושד איינעם אז ער האט אנגערירט אין זיין פארציע, נאר מיר פאלגן די תורה און דעריבער קענען מיר דאס נישט עסן.

הערנדיג זיינע ווערטער, האט דער גוי אויסגערופן מיט התפעלות 'אזא חכמה' 'אזא חכמה'! ויסן זאלסטו, האט דער גוי ערקלערט, אז איך האב געוואלט זען וואס איז דער אונטערשייד צווישן אונזערע עסן און צווישן די כשר'ע עסן, און דעריבער ווען דו ביסט ארויסגעגאנגען האב איך שנעל אויפגעטוישט די פארציעס...

יעקב אבינו האט זיך געהיטן מיט אלע סארטן זהירות, כדי יצחק זאל נישט אנטפלעקן אז זיין זון יעקב איז דער וואס איז געקומען צו באקומען די ברכות, און ער האט אפילו אנגעטון די קליידער פון עשיו, אבער ווען ער איז אנגעקומען צו יצחק, האט ער דערמאנט שם שמים, און דעריבער האט יצחק געזאגט צו אים 'גֹּשָׁה נָּא וַאֲמֻשְׁךָ', אזוי ווי רש"י איז מפרש 'אָמַר יִצְחָק בְּלִבּוֹ אֵין דֶּרֶךְ עֵשָׂו לִהְיוֹת שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו, וְזֶה אָמַר כִּי הִקְרָה ד' אֱלֹקֶיךָ', און אייגנטליך איז דאך לכאורה זייער שווער, פארוואס האט יעקב אבינו, נאכן זיך אכטונג געבן מיט אזויפיל סארט זהירות, דערמאנט דעם שם שמים?

נאר, מיר לערנען זיך אויס פון דא דעם וועג, אז אפילו אויב א איד דארף זיך אמאל 'פאַרשטעלן' און אויסזען חלילה אזוי ווי א גוי, דארף ער זארגן דערפאר אז דאס אלעס זאל בלייבן נאר פונדרויסן, אבער אין זיין פנימיות זאל ער נישט פארענדערט ווערן אפילו אויף א האר, און זעלבסטפארשטענדליך אז ער זאל נישט מוותר זיין אפילו אויף א 'קוצו של יו"ד' פונעם דרך התורה, און אפילו ביי א זאך אזוי ווי דערמאנען שם שמים, וואס מען קען מיינען אז דאס איז נישט אזוי וויכטיג (חלילה), ווייל מען דערלייגט קיינמאל נישט דערפון, נאר מען פארדינט, אויך באקומט מען געוואלדיגע ברכות, און אויך מאכט מען א קידוש השם!

(עפ"י טיב התורה – תולדות)

## טיב הפרשה

# אברהם הוליד את יצחק

### די דביקות פון יצחק אבינו אין די דרכי האבות

די וואכענדיגע סדרה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'אלה תולדות יצחק בן אברהם - אברהם הוליד את יצחק'.

עס איז ידוע די קשיא אז דער פסוק הייבט זיך אן 'אלה תולדות יצחק בן אברהם' און אנשטאט וואס ער איז ממשיך צו זאגן וואס זענען געווען די תולדות גייט ער צוריק צו די תולדות פון יצחק און זאגן - אברהם הוליד את יצחק.

אין די מפרשים איז דא מערערע וועגן ווי אזוי מען איז מיישב די קשיא.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז די פסוק וויל אונז דא לאזן הערן א דערהער וואס איז נוגע צו אונזער וועלט, און דאס איז דער איבער דער וועג ווי אזוי מיר זאלן אנקוקן אונזער אפשטאם.

אין די היינטיגע וועלט איז מצוי אז מען וויל זיך אפרייסן פון דער מקור. מען קוקט אן די אלטע וועג פארצייטיש און אלטמאדיש, אז די אמאליגע פארשטייען נישט צו די היינטיגע וועלט און די נקודה וויל דא די תורה הק' באטאנען און אנמערקן אז מען זאל זיך יא באהעפטן און בלייבן באהאפטן צו די דרכי האבות.

די תוה"ק זאגט אונז דא אז דאס לעבן פון יצחק אבינו איז געווען איין לאנגער שטיק שייכות צו דער אמאליגער אמאל און אז זיין גאנצער לעבן און וועזן איז געווען דער אמאל, ווי אזוי זיין טאטע האט זיך געפירט, די התנהגות וואס ער האט געזען אינדערהיים ביים טאטן און ביי זיין מאמע.

די תורה איז מרמז די בחינה אין פסוק. נאך דעם וואס ער רעדט ארום פון יצחק אבינו און אז ער איז געווען דער זון פון אברהם, פירט ער אויס אז די תולדה פון זיין לעבן איז געווען דער 'אברהם הוליד' אז ער איז א קינד פון אברהם אבינו און ער דארף זיך האלטן אין זיינע וועגן און גיין אין אירע שטעגן.

א שטיקל באוויז צו דער מהלך טרעפט מען שפעטער אין די פרשה. ווען יצחק אבינו האט געגראבן גריבער און זיי געגעבן נעמען, האט ער נישט ערפינדן קיין נייע נעמען, די נעמען זענען געווען נעמען פון זיין טאטע, ווי דער פסוק זאגט עדות, ויקרא להן שמות כשמות אשר קרא להם אביו.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

**טיב ההודעות**

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער געדאנק, אז דער ציל פון יצחק מיט די נעמען איז געווען זיך מדבק צו זיין אין די וועגן פון זיין טאטע, טרעפן מיר אין רבינו בחיי.

דער רבינו בחיי זאגט ווי פאלגענד: וקרא להן כשמות אשר קרא להן אביו ועשה כן לכבוד אביו, וממה שהתורה הודיעה זה נראה שנחשב לו לזכות ויש בזה התעוררות, וק"ו שאל ישנה אדם מדרך אבותיו שהרי יצחק אפילו שמות הבארות שקרא אותן אביו לא רצה לשנותן, וזה ק"ו לדרכי האבות ומנהגותיהם ומוסר שלהם, ואולי מפני זה לא נשתנה שמו כמו שאר האבות וזו מדה כנגד מדה, עכלה"ק.

פון דא לערנען ארויס א מוסר השכל אז א איד זאל זיך אייביג מדבק זיין אין די וועגן פון זיינע עלטערן און רבי'ס און אז אפילו ביי זאכן וואס זעט אים אויס נישטיג, שוואך, א קלייניגקייט, ווי א נאמען פון א וואסער ברונעם, זאל מען אויך געדענקען די עלטערן און זיך פארבינדן מיט זיי.

דאס איז סיי אין דער זיך מדבק זיין אין זייער התנהגות און אויך אין געבן נעמען נאך די עלטערן. עס טרעפט זיך היינט אז אסאך שעמען זיך צו געבן נעמען נאך די עלטערן, אבער דאס טאר נישט זיין.




דער געבן א נאמען נאך די עלטערן איז סיי אן ענין פון כיבוד אב, אבער עס איז אויך א צייכן אז מען וויל בלייבן געבינדן צו דעם אלטן דור, ווייל אונזער היסטאריע און דער אפשטאם - פון וואו מיר שטאמען, איז דער שטאלץ פון יעדן איד, און ווי מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען 'אלוקינו ואלוקי אבותינו' - ווייל דאס איז אונזער שטארקקייט, מיר הענגען זיך אן אין די אבות הק' און נאר דער גיין אויף די וועגן פון אונזערע עלטערן דערהאלט אונז און איז מליץ יושר פאר אונז.

נאך א ביישפיל פון אונזער פרשה טרעפן מיר אין די תורה הק'. דער פסוק דערציילט אונז אז ווען יצחק אז געווארן עלטער און געזען אז ער האט נאכנישט קיין קינדער האט ער געטראכט צו זיך אז די זעלבע זאך וואס האט פאסירט צו זיינע עלטערן - אז זיי זענען געווען עקרות, פאסירט צו אים, אז אויך ער איז אן עקר, און זיך גענומען איינרייסן וועלטן ער זאל זוכה זיין צו קינדער.

ביי יצחק אבינו האט עס נישט געדויערט אזוי לאנג ווי עס האט געדויערט ביי זיינע עלטערן, אבער אין די רגע וואס זאכן זענען נישט געגאנגען אין שפאן, האט ער זיך גלייך דערמאנט פון זיינע עלטערן און פון די וועגן און וואס עס האט פאסירט ביי זיי, און זיך צוגעשטעלט צו זיי.

די תוה"ק דערציילט אונז דער דעטאל, ווייל ער וויל אונז לערנען די נקודה אז דאס לעבן פון יצחק אבינו איז געווען איין לאנגער קייט פון קשר מיט זיינע עלטערן, אז יעדער זאך וואס ער האט געטון אין זיין לעבן האט זיך אפגעשפיגלט אין זיינע עלטערן, אז איבעראל האט ער געצויגן א קייט צו זיינע עלטערן טראכטנדיג ווי אזוי איז געווען ביי זיי און ווי אזוי ער איז געבינדן צו זיי.

דאס איז דער וועזן און שטרעבן פון א איד, אז אלעס וואס ער טוט, אז יעדע מעשה וואס ער גייט אריבער, איז א המשך צו די אבות הק' - ווייל דאס איז אונזער שטאלץ און אונזער וועג, און מיט דעם וועלן זיך דערהאלטן אין גלות און אין דעם זכות וועלן מיר פועל'ן גוטע זאכן.

זאל הקב"ה געבן אז אין די זכות פון די אבות הק' זאל מען זיך קענען דערהאלטן אין גלות און זוכה זיין צו זען ישועות ונחמות.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

אנגעשריבן דורך לייענערס

# א מתנה צו מיין געבורטסטאג

אין דער טאג פון מיין געבורטסטאג האב איך דערהאלטן א בריוו פון אן אדוואקאט, אין דער בריוו שרייבט ער אז איך בין אים שולדיג די סומע פון 6,730 שקל.

עס איז נישט א קליינע סומע בפרט ווען מען רישט זיך נישט אויף דעם. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די מעשה מיט די געלט איז געווען געבינדן מיט אן אונטערשריפט וואס איך האב געגעבן פאר איינעם עטליכע יאר פריער.

איך האב זיך געשטעלט אלץ אן ערב פאר יענעם און דאס האט צוגעברענגט אז איך זאל יעצט דארפן צאלן די סומע.

איך בין א מלמד, איך האב נישט קיין אהנונג פון וואו איך גיי צאלן אזא סומע, דער מנהל אין חדר האט נישט גערעדט פון קיין העכערונג, און איך בין געווען אביסל פארלוירן.

איך האב מתפלל געווען צו הקב"ה זאגנדיג אז אויב אזא זאך געשעט אין אזא טאג, אין מיין געבורטסטאג, איז א צייכן אז איך דארף זיך נישט זארגן, אלעס וועט זיין אין ארדענונג.

עס איז אריבער א שטיק צייט. אין א טאג זיץ איך מיט די מלמדים אין חדר און מען רעדט. עס איז ארויסגעקומען אז איינער פון די מלמדים האט דערמאנט אז ער דארף פארקויפן זיין קאר.

אויפ'ן ארט האט אויפגעבליצט ביי מיר א געדאנק, אפשר קען איך לייזן א מטבע פון פארמעקלערן די קאר. איך האב געזאגט פאר דעם מלמד אז איך וויל קויפן די קאר. ער האט עס פארקויפט פאר א נישטיגע פרייז גלייבנדיג אז דאס איז נישט ווערד מער - איך האב גראדע געהאלטן אז עס איז יא ווערד מער.

נאך א לענגערע דין ודברים און טרעפן א פאסיגע קונה האב איך געטראפן א קונה פאר די קאר. אין ענדע האט זיך עס פארקויפט פאר א לייטישע סומע און נאכ'ן באצאלן פאר מיין חבר פאר'ן אפקויפן דאס קאר, בין איך געבליבן אין טאש מיט א שיינע סומע.

אויסרעכענענדיג וויפיל עס איז געבליבן ביי מיר אין טאש בין איך אנגעקומען צו די גענויע סומע. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איך בין געבליבן אין טאש מיט די סומע פון 6,730.

פון הימל האט מען צוריקגעשיקט די גענויע סומע וואס איך האב געדארפט האבן צו קענען באצאלן די חוב.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.ק.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

שרייבט דער הייליגער **רמב"ן ז"ל**, אז דאס וואס דער פסוק דערציילט און איז מאריך וועגן די בְּאֵרֹת, דאס איז מרמז אויפן ענין וואס איז באהאלטן אין דעם, אז יצחק אבינו עליו השלום האט מתפלל געווען און האט צוגעגרייט דעם בית המקדש, דעם בית ראשון און דעם בית שני, און עס איז מרמז אויף די סיבה פונעם חורבן – וועגן שנאת חנם, און אז דורכן פארעכטן די קריגעריי (עֵשֶׂק) און די פיינטשאפט (שִׂטְנָה) וועט אונז דער אויבערשטער דערברייטערן (רְחֹבוֹת) מיטן בויען דעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי.

און אזוי שרייבט דער הייליגער רמב"ן: "בָּא לְהוֹדִיעַ דָּבָר עָתִיד, כִּי 'בְּאֵר מַיִם חַיִּים' יִרְמוֹז לְבֵית אֱלֹקִים אֲשֶׁר יַעֲשׂוּ בָּנָיו שֶׁל יִצְחָק, וְלָכֵן הִזְכִּיר בְּאֵר מַיִם חַיִּים, כמ"ש (ירמיה יז, יג) 'מְקוֹר מַיִם חַיִּים אֶת ה'". וְקָרָא הָרִאשׁוֹן 'עֵשֶׂק', יִרְמוֹז לַבַּיִת הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר הִתְעַשְּׂקוּ עִמָּנוּ, וְעָשׂוּ אִתָּנוּ כַּמָּה מַחֲלוֹקוֹת וְכַמָּה מִלְחָמוֹת עַד שֶׁהֶחְרִיבוּהוּ. וְהַשֵּׁנִי קָרָא שְׁמָהּ 'שִׂטְנָה', שֵׁם קָשֶׁה מִן הָרִאשׁוֹן, וְהוּא הַבַּיִת הַשֵּׁנִי וכו', וְכָל יָמָיו הָיוּ לָנוּ לְשִׂטְנָה, עַד שֶׁהֶחְרִיבוּהוּ וְגָלוּ מִמֶּנּוּ גָּלוּת רָעָה. וְהַשְּׁלִישִׁי קָרָא 'רְחוֹבוֹת', הוּא הַבַּיִת הֶעָתִיד שֶׁיִּבָּנֶה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְהוּא יֵעָשֶׂה בְּלֹא רִיב וּמַצָּה, וְהָקֵל יַרְחִיב אֶת גְּבוּלֵנוּ וכו'", עד כאן לשונו.

**און צום גרויסן ווייטאג פון אידישע קינדער איז דער בית המקדש נאך אלץ פארוויסט, צוליב דער זינד פון שנאת חנם בין אדם לחבירו (יומא ט.), און איניגכן זאלן מיר זוכה זיין צום אנקום פונעם מְבַשֵּׂר מַשְׁמִיעַ שָׁלוֹם אֲשֶׁר יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּשָׁלוֹם בְּבִנְיַן בֵּית קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.**

***

אין די שטאט פון דער הייליגער **חיד"א זצוק"ל** האט געוואוינט א יונגער ארימער יתומ'ל וועלכער איז געווען צען יאר אלט, אן איינציג קינד פון זיין ארימע מאמע, און זייער הויז איז געווען ליידיג, אן קיין ברויט צו עסן און אן קיין וואסער צו טרינקען.

וויבאלד דער ארימער אינגל האט געדארפט אהיימברענגען אביסל עסן, כדי צו ראטעווען זיין זעל און די זעל פון זיין טייערע מאמע פון א שרעקליכן הונגער, האט ער נישט געקוקט אויף זיין יונגע עלטער, נאר ער איז ארויסגעגאנגען זוכן ארבעט! ער האט זיך ארומגעדרייט מיט זיינע צוריסענע קליידער צווישן די בעלי מלאכה אין שטאט, און האט געבעטן אז מען זאל אים געבן וועלכע ארבעט מען וויל נאר, דער עיקר אז ער זאל דערנאך באקומען אביסל געלט...

אזוי האט די קליינע און ארימע משפחה זיך געשפייזט מיט שפארזאמקייט, לויט די ארבעט וואס דער אינגל האט געטראפן טאג-טעגליך.

איין טאג איז דער אינגל אנגעקומען צו א ריזיגער פאבריק אין שטאט, וואו ער האט פאָרגעלייגט אז ער איז גרייט צו ארבעטן, 'וואס עס זאל נאר זיין'... דער עיקר – אן ארבעט!

דער בעל הבית פונעם פאבריק איז געווען זייער א שטאלצער מענטש, און ווען ער האט געזען דער אויסגעדארטער ארימער אינגל, אנגעטון אין

## וְלֹא רָבוּ עָלֶיהָ

**וַיָּרִיבוּ רֹעֵי גְרָר עִם רֹעֵי יִצְחָק וגו' וַיִּקְרָא שֵׁם הַבְּאֵר עֵשֶׂק כִּי הִתְעַשְּׂקוּ עִמּוֹ. וַיַּחְפְּרוּ בְּאֵר אַחֶרֶת וַיָּרִיבוּ גַּם עָלֶיהָ, וַיִּקְרָא שְׁמָהּ שִׂטְנָה. וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם וַיַּחְפֹּר בְּאֵר אַחֶרֶת וְלֹא רָבוּ עָלֶיהָ, וַיִּקְרָא שְׁמָהּ רְחֹבוֹת, וַיֹּאמֶר כִּי עַתָּה הִרְחִיב ה' לָנוּ, וּפָרִינוּ בָאָרֶץ"**

כו, כ-כב

צוריסענע און אפגעריבענע קליידער, האט ער זיך גענומען לאכן און שפעטן, זאגנדיג: דו שוואכער אינגל! דו שפעטסט פון מיר? וועלכע ארבעט קענען מיר דען געבן פאר דיר? – אט איז מיר יעצט אויפגעקומען א פיינער געדאנק! איך האב פאר דיר זייער א חשוב'ע ארבעט! וואס אויב דו וועסט עס אויסגעפירן געהעריג און אויספירן דעם אויפגאבע, וועסטו באקומען גלייך אויפן ארט **טויזנט גילדן** אין האנט!

הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן! – האט דער קינד געענטפערט.

איז אזוי, האט דער בעל הבית געזאגט, נישט ווייט פון דא, אינדרויסן פון שטאט, פליסט א ריזיגער טייך. ווי נאר עס ווערט נאכט, זאלסטו אריינגיין אינעם טייך, און אזוי זאלסטו בלייבן א גאנצער נאכט אינעם טייך ביזן עלות השחר!

איך וועל דארט קומען פון צייט צו צייט דורכאויס די נאכט, כדי צו זען אז די ארבעט ווערט אויסגעפירט לויט אלע אנווייזונגען אזוי ווי מיר האבן אפגערעדט... און מארגן גלייך אינדערפרי וועסטו באקומען פון מיר **טויזנט גילדן** מזומן-קעש!!! – האט דער גביר אויסגעפירט, ווען זיין הויכע געלעכטער דונערט אפ אינעם גאנצן הערליכן אפיס...

דער קינד האט עס בכלל נישט אנגענומען ווי א וויץ, און מיט א קינדערישע תמימות האט ער געפרעגט מיט ערנסטקייט: קענען מיר אונטערשרייבן א **קאנטראקט** דערויף, כדי עס זאל זיין קלאר אפגעשריבן און אפגערעדט פון פאראויס?

"אוודאי", האט דער גביר געענטפערט מיט גרויס חשיבות, און האט זיך געזעצט צו זיין שיינעם טיש, צו אנפילן דעם קלארן הסכם, כדת וכדין!

דער אינגל האט זיך צוריקגעקערט צו זיין הויז, מיטן אונטערגעשריבענעם קאנטראקט אין האנט, און מיט גרויס שמחה האט ער דערציילט צו זיין מאמע אז אט האט מען אים פאָרגעלייגט א 'גוטע ארבעט' ביי וועלכע ער וועט קענען פארדינען **איבערנאכט** א ריזיגע סומע, וואס אזא סומע פארדינט ער נישט געווענליך אפילו אין א גאנצע יאר!

ווען זיין מאמע האט געהערט דעם מאדנעם געדאנק, איז זי שטארק דערציטערט געווארן, און זי האט אנגעהויבן צו שרייען: **אוי ווי! דאס איז דאך א לעבנס-געפאר!** אריינגיין אינעם פארפרוירענעם טייך אין אזא קאלטע נאכט? אפילו נאר צו שטיין אין די קעלט וואס הערשט דעמאלטס אין די גאסן פון שטאט, מיט דיינע צוריסענע קליידער, דורכאויס א גאנצע נאכט, טראגט מיט זיך א סכנה פון פארגליווערט ווערן! און אוודאי און אוודאי זיך איינצוטינקען אין די קאלטע און פארפרוירענע וואסער פונעם טייך, איז ממש **סכנת נפשות!**

דער אינגל איז אבער נישט גרייט צו פארציכטן דערויף. עס איז נישטא קיין ברירה, האט ער ערקלערט, וויבאלד דאס איז א געלעגנהייט וואס קומט נישט אן יעדן טאג!

די מאמע האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך, ווען זי האט געזען אינדערצייט וואס דער נאכט איז צוגעפאלן, ווי איר טייערער זון, איר איינציג קינד, איז ארויסגעגאנגען פונדערהיים, צום ריכטונג פונעם אייז-קאלטן טייך. זי איז שנעל געגאנגען נאך אים, און ציטערנדיג פון שרעק פאר איר קינד, האט זי געוויינט פאר אים דורכאויס דעם גאנצן וועג, זיך בעטנדיג אז ער זאל זיך נישט דערוואגן צו לייגן זיין לעבן אין סכנה, און ער זאל נישט טון דעם מאדנעם און געוואגטן זאך. "איך האב גארנישט אין דער וועלט אויסער דיר", האט זי געוויינט פאר אים, די גאנצע וועג צום טייך, "דיין טאטע איז אוועק פון דער וועלט, און האט מיר געלאזט עלנד אליין, וויאזוי וועל איך בלייבן אליין אויף דער וועלט?!

אבער גארנישט האט געהאלפן. דער קינד האט זיך פאר'עקש'נט אויסצופירן דעם אונטערנעמונג בשלימות! און איינמאל פאר אלעמאל אפשטעלן דעם שטענדיגן הונגער וואס האט זיי באגלייט.

זיי זענען אנגעקומען צום טייך, און דער אינגל איז גלייך אריינגעשפרינגען אינעם וואסער!

די געטרייע מאמע האט נישט איבערגעלאזט איר זון דער יתום אליין, אפילו נישט פאר איין מינוט! זי האט זיך געשטעלט אינדערזייט, אינגאנצן צוטרייסלט, און אויסגעגאסן איר הארץ מיט תפילות און תחנונים צום באשעפער, אז ער זאל היטן איר קינד פון יעדן שטרויכלונג. פונדערווייטנס האט זי געהאלטן מיט איר קינד אן אויג-פארבינדונג די גאנצע צייט, און האט אויך גערעדט צו אים און אים געשטארקט, כדי ער זאל זיך האלטן וואַך, און ער זאל חלילה נישט פארשלעפט ווערן מיטן שטראם אריין אינעם טייך.

מיט יעדן שעה וואס איז דורכגעגאנגען, האט זיך די קעלט געשטארקט אלס מער און מער, עס איז געווארן זייער שטארק קאלט, און די ווינטן האבן שטארק געבלאזן און זייער שטארקער קול האט זיך געהערט אינעם גאנצן געגנט. די טייך האט אנגעהויבן צו רוישן און טומלען, און דער אינגל האט שוין נישט געקענט הערן די אויסרופן פון זיין מאמע. זיי האבן זיך נאר געזען פונדערווייטנס, ווען דער

המשך אין עמוד ד' <|

זארג און אנגעצויגנקייט פון די מאמע האט זיך אלס געשטארקט מער און מער, און כמעט וואס איר זעל איז נישט ארויסגעגאנגען פון איר פון גרויס זארג און קעלט.

ערגעצוואו אינמיטן די נאכט, ווען עס איז געווארן זייער שטארק קעלט, האט די מאמע צוזאמגעקליבן עטליכע קליינע שטיקלעך האלץ, און אנגעצינדן דערמיט א קליין פייערל ביים זייט פונעם טייך. אבער ווי מען פארשטייט אליין, האט דאס גארנישט געהאלפן צו אנווארימען דעם אייז־קאלטן טייך...

דער גרויסער גביר האט ווירקליך נאכגעקוקט אלעס וואס האט זיך געטון דורכאויס דער נאכט, און פון צייט צו צייט איז ער אנגעקומען צום געגנט, און האט מיט גרויס וואונדער באטראכט דאס וואס האט זיך דארט געטון, נישט קענענדיג גלייבן דאס וואס ער זעט מיט זיינע אויגן, און מיט א צארנדיג געמיט האט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין הויז.

מיט געוואלדיגע מסירות נפש איז דער אינגל געשטאנען אין זיין אונטערנעמונג, און גלייך ווען עס איז געווארן דער עלות השחר, איז דער אינגל ארויסגעגאנגען פונעם וואסער אויפן שוועל פון חלשות, דורכגעווייקט דורך און דורך, זיך האלטנדיג קוים ביים לעבן.

זיין געטרייע מאמע האט אים גלייך איינגעוויקלט אין פילע קליידער און מיט ווארימע דעקעס, און האט אים גלייך גענומען צום אנגעהייצטן אויוון, כדי צוריקצוברענגען די ווארימקייט צו זיין קערפער. זי האט אים דערלאנגט עטליכע גלעזער הייסע טיי, ביז זיין גייסט האט זיך צוביסלעך צוריקגעקערט צום אינגל, וועלכער איז געווען מלא שמחה אז עס איז אים געלונגען אויסצופירן דעם געוואלדיגן אונטערנעמונג.

אויפצומארגנס, איז דער אינגל אנגעקומען צוזאמען מיט זיין מאמע די אלמנה, צום אפיס פונעם עושר, כדי צו באקומען דעם צוגעזאגטן באלוינונג. אבער ווי פארוואונדערט זענען זיי געווארן, הערנדיג ווי דער עושר לאכט זיך אויס פון זיי, ווי זיי פאדערן פון אים דאס געלט, און מיט שפאטישן טאן האט ער זיך הויך אנגערופן צו זיי: וואס עפעס טויזנט גילדן? האסטו דען עפעס אויפגעטון מיטן אזוי שטיין אין די אייז־קאלטע וואסערן פונעם טייך?!

דער אינגל האט ארויסגעצויגן פון זיין טאש דעם גע'חתמ'טן שטר, אבער דער עושר האט זיך אויסגעדרייט, טענה'נדיג אז ביי איינע פון זיינע באזוכן אינעם געגנט פונעם טייך אינמיטן די נאכט, האט ער געזען ווי די מאמע האט אנגעצינדן א פייער נעבן דעם טייך, און דערפון קומט אויס אז דער אינגל איז נישט געשטאנען אינעם אונטערנעמונג, וויבאלד מען האט אפגערעדט אז ער וועט שטיין אין א קאלטן טייך און נישט אין אן אנגעווארימטער טייך... אויב אזוי, קומט זיך אים נישט דאס צוגעזאגטע באלוינונג!

דער אינגל האט נישט געקענט גלייבן וואס ער הערט, און אין זיין ענגשאפט איז ער ארויפגעגאנגען צום גרויסן בית דין פון דער הייליגער חיד"א, און האט געלאדנט דעם עושר צו א דין תורה!

ווען דער חיד"א האט געהערט אלע איינצלהייטן פון די מעשה, און ער האט געזען דעם אונטערגעשריבענעם שטר, האט ער געשיקט דער שמש פונעם בית דין איינצולאדענעם דעם גביר צו א באגעגעניש ביי אים.

ווען דער עושר איז אנגעקומען צום הויז פונעם רב, איז ער דארט זייער שיין און פריינטליך אויפגענומען געווארן, און דער חיד"א האט אים געלאדנט צו טרינקען מיט אים א הייסע גלעזל קאווע. מען האט אים אריינגענומען אינעם צימער, און אים אוועקגעזעצט אין א שיינעם שטול נעבן דער שטול פונעם הייליגן צדיק. איידער זיי האבן אנגעהויבן זייער שמועס, האט דער חיד"א אנגעצינדן דעם פייער אינעם אויוון וואס האט מען אריינגעברענגט אינעם צימער, און דעם וואסער־טשייניק האט ער געלייגט נעבן דעם פייער ביי די זייט, און דערנאך האט ער זיך אוועקגעזעצט רעדן מיטן גביר. "דערווייל, ביז די וואסער וועט ווערן הייס, וועלן מיר קענען שמועסן – האט דער חיד"א ערקלערט – און ווען מיר וועלן ענדיגן טרינקען, האף איך אז מיר וועלן שליסן דעם שמועס"!

דער רב האט גערעדט מיט אים איבער דאס און יענץ, און אזוי האט זיך דער שמועס פארצויגן, און ווען דער גביר האט געזען אז דער רב האלט נאך אלץ אינמיטן דעם שמועס און טוט גארנישט וועגן די קאווע, האט ער אים איידעלערהייט באמערקט, אז ער האט מסתמא פארגעסן ארויפצולייגן דעם וואסער־טשייניק איבערן ברענענדיגן פייער, "ווייל ווען די וואסער ליגט אזוי ביי די זייט פונעם פייער, וועט עס קיינמאל נישט ווערן הייס"!

"זאלן דיינע אויערן הערן די רייד פון דיין מויל", האט דער חיד"א רעאגירט מיט א שמייכל, "ווען די פייער ברענט נעבן די וואסער, וועט עס קיינמאל נישט ווערן הייס"! – יעצט וועסטו שוין אוודאי פארשטיין פארוואס מען האט דיר דא געלאדנט צום בית דין! דאס איז דאך פשוט אז פון א קליינע פייער פון העלצעלעך ביים זייט פונעם טייך, איז דער טייך גארנישט ווארים געווארן, נאר די וואסער איז געבליבן אייז־קאלט פונקט ווי פריער! – און יעצט ביסטו נישט ערלויבט אריינצוגיין אין בית המדרש, ביז דו וועסט באצאלן דעם גאנצן חוב וואס דו האסט צוגעזאגט פארן אינגל, ביז צו די לעצטע פרוטה!

אין יענע צייטן, האבן די רבנים און צדיקים פונעם דור געוועלטיגט ביי אידישע קינדער כדת של תורה, און האבן געהאט דעם כח צו גוזר זיין גזירות און שטיין פעסט אויפן וואַך! דער גביר האט גוט פארשטאנען אז ער האט נישט קיין אנדער ברירה, נאר אויסצופירן דעם פסק פונעם רב, און ער האט גלייך באצאלט די גאנצע טויזנט גילדן, און פארן יתום מיט זיין מאמע איז געווארן לעכטיג.

דערנאך האט דער הייליגער חיד"א געזאגט צו זיינע תלמידים, אז כאטש די קליינע פייער האט נישט געקענט אנווארימען די אייז־קאלטע וואסערן פונעם טייך, אבער דאס הארץ פונעם קינד האט עס אוודאי אנגעווארימט... זעענדיג די געוואלדיגע געטריישאפט פון זיין מאמע פאר זיינעטוועגן, און ווען נישט דעם געוואלדיגן חיזוק וואס זיין מאמע האט אים געגעבן מיט איר געוואלדיגן ליבשאפט דורכאויס די גאנצע נאכט, וואלט ער בדרך הטבע נישט געקענט שטיין אין זיין אונטערנעמונג! און אזוי קומט אויס אז יענעם קליינעם פייער האט אוודאי שטארק אנגעווארימט דאס הארץ און זעל פונעם אינגל, וואס אן דעם וואלט ער נישט געקענט אויסהאלטן דעם שווערן צושטאנד. נאר, דאס האט נישט קיין פארבינדונג צו די הלכות פון חושן משפט, אז דער מענטש דארף באצאלן זיין התחייבות, וויבאלד דער קינד איז געשטאנען אין אלע באדינגונגען פונעם הסכם צו שטיין אינעם אייז־קאלטן טייך א גאנצע נאכט.

**דערפון לערנען מיר זיך ארויס, האט דער הייליגער חיד"א אויסגעפירט, א געוואלדיגן מוסר השכל, פון אט די מעשה:**

אויך אויב דו ביסט נישט אימשטאנד צו העלפן דיין חבר, נישט מיט קיין געלט און נישט מיט קיין עצה! – קענסטו אים נאך אלץ מחזק זיין מיט א גוט ווארט, מיט אן אמת'ע ליבשאפט, און מיט א ווארימע נאנטקייט. אנווארימען זיין הארץ, און אַנטיילנעמען אין זיין צער, ווייל דאס אליין אז מען הערט אויס דעם חבר אינדערצייט פון אן ענגשאפט, און מען נעמט א חלק אין זיין שווערקייט, טוט אים שטארק העלפן און מחזק זיין צו שטיין שטארק אין אלע שווערקייטן פונעם לעבן!

ווי חשוב איז דאס ווארימקייט און חיזוק פארן הארץ און זעל פון א מענטש – און אויך פון א גרויסן ווייטקייט קען מען שטארקן און דערווארימען דאס הארץ פון א איד, מיט א גוט ווארט פון נאנטקייט און הארציגקייט!

**דעריבער, לאמיר פארמערן שלום אויף דער וועלט, בין אדם לחברו ובין איש לאשתו, און דורך אהבת ישראל און אחדות צווישן אידן, וועלן מיר אינגיכן זוכה זיין צו די גאולה שלימה און צום בנין בית המקדש במהרה בימינו אמן.**

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173